STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01569

# 13 DERTSEYLUNGEN

Rosa Palatnik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָזאַ פּאַלאַטניק



# דערציילונגען

RIO DE JANEIRO — BRASIL — 1961



# אינהאלט:


„ליעזשאַליקעס" — — — — — — — — — — — — 26

א פליושענער פרוכת — — — — — — — — — — — 36

געשפּילט אין דריידל — — — — — — — — — — 57

חזקה — — — — — — — — — — — — — — 68

אמאטאָרן-טעאטער אין שטעטל — — — — — — — 76

מיין טאטע — — — — — — — — — — — — — 86

א פורים-מלכה — — — — — — — — — — — — 98

„גרינס אויף שבועות" — — — — — — — — — — 106

גורל פון א פיאַנערין — — — — — — — — — — 116

דורך א פענצטער — — — — — — — — — — — 128

ניטל-ביימער — — — — — — — — — — — — 136

מאקומבא — — — — — — — — — — — — — 144

יורדים — — — — — — — — — — — — — 158

# א פּורים־מלכּה

קוקנדיק אזוי אינעם געשליפענעם שפיגל, באטראכטנדיק צופרידן אירע גוט-געפורעמטע גלידער, ברענגט עס איר צוריק צו יענעם ערב-פורים, ווען זי, דאָנא עלזא, איז נאָך געווען — עלקעלע דעם בעדנערס "ליאַלקעדיקע צאצקע"... און יונגווארג האָט דעמאָלט באשלאָסן צו ווערן "מאָדערן" — געמאכט א פורים-באל, מיט מאסקעס, גע-היימע "פּאַטשט" און מיט דער קרוינונג פון אן אסתר-המלכה...

כאָטש אינדרויסן איז שוין געווען פרילינגדיק, איז אָבער יענער טאָג נאָך געווען האלב-ווינטער, האלב-זומער. קאַיאַר האָט נאָך געכאפּט א גרינג פרעסטל, וואָס די פרי-מאָרגן-זון האָט באלד פארוואנדלט אין א שיטערער בלאָטע. פארנאכט האָט עס ווידער פארסטאַיעט דעם מארק, גלאָזיק געמאכט די טריט, אָבער עולם האָט געשטראָמט צו דער פייערלעשער-שאָפּע, וואָס איז אין געציילטע שעהן פארוואנדלט געוואָרן אין א "פּאלאץ". אויף די אָפּגעשיילטע ווענט, גלאנצנדיקע פּאפּירן, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין כלערליי פארבן. א געוויקל פון פּאפּיר-קייטן האָבן זיך געשלענגלט זיגזאגיש איבערן גאנצן סופיט. קיילעכדיקע, פון טאָוול-געשניצטע לעמפּלעך, מיט אָנגעצונדענע ליכט-לעך, האָבן געשאפן א פאנטאסטישע מאָזאיק.

די שטאָט-קאפעליע, אין פּאַיאַצישע היטלען, קאָזאצקע הויזן מיט רויטע לאמ-פאסן, האָבן לאנג געסטראַיעט זייערע אָפּגעריבענע אינסטרומענטן. דער טראָמבאָן, האָט ווילד געטראָמביעט, דער סאקסאָפאָן — געקוויטשעט, ס'קלארנעטל — געפּיפּן און די גרויסע פּויק האָט זיי אלע אריבערגעהילכט.

די פארמאסקירטע שניידער-געזעלן, צומיינסטן אין געפּאסטע הויזן, שמאָלע פּראקן, הויכע צילינדערס, מיט מאָנאָקלען אויף איין אויג, האָבן מיט זיך פארגעשטעלט — "לאָרדן"... באלמלאָכע-מיידלעך, אין בונטע קרעטאָנען, לאנגע פּאָוולאָקן, מיט קרוינע אויף די קעפּ, האָבן אימיטירט — פּרינצעסינס... די רייכערע האָבן זיך גאָר פארקליידט אלס בעטלער, לאטשאזשעס און אפילו נאָכקאָפּירט — קוימענקערער... און

אלע, מיט מאסקעס אויף די פנימער...

בלויז זי, עלקעלע, איז דעמאָלט דערשינען אלס א ציגיינערין. פון אן אלטן, רויטן איבערצייג, געמאכט א ברייטע ספּודניצע. פון איר מאמעס "לאשטשינע-קלייד" — א צעלאָזטע בלוזקע, מיט א סך בייטשלעך קרעלן, א פּעשל קאָרטן אין די הענט און א שווארץ מאסקעלע אויפן פנים. צוליב איר גראציעזער הויך און זגראבנעם געשטעל, האָט איר עולם געמאכט א פייערלעכע אָוואציע: הורא! און הוראַ! — גלייך עפּעס א קעניגין וואָלט דערשינען...

עלקעלע דעם בעדנערס "ליאלקעדיקע צאַצקע", איז גראָד געווען דאָס אָרעמסטע מיידל פון שטעטל, שווער געהאָרעוועט ביי האָדיסל די נייערין, אויף א שטיקל פּיסנע ברויט, אָבער געבענטשט געווען מיט נאטירלעכער שיינקייט — דערפון איר נאָמען — "ליאלקעדיקע צאַצקע".

אין דער שאָפּע איז געווען ששון-ושמחהדיק. די קאַפּעליע האָט קודם אויפגעש-פּילט: שושנת-יעקב. באלד איבערגעגאנגען צו פאָלקס-ניגונים. דורך די אָפענע טירן־פענצטער האָבן די געזאנגען זיך דערטראָגן צו די פעלדער און לאַנקעס, וואו די ווער־טער האָבן אָפּגעעכאָט: — "א ייד צו זיין איז טייער, א ייד צו זיין איז גוט, — שרייען עלעד ביזן טויט אריין"... מען האָט געטאנצט צום טאקט פון "פּינטעלע ייד", פון "כינ-קע-פּינקע", פון "עקדת-יצחק, — יידישלעך...

די פארמאסקירטע האָבן זיך געשושקעט, געוואָלט דערגיין — ווער ס׳איז — ווער... זיך געשיקט ליבע-בריוועלעך, וועלכע מען האָט אויסגערופן לויט נומערן, וואָס אלע האָבן געטראָגן. און צום סוף האָט מען געמוזט אראָפּנעמען די מאסקעס, ווייל א ספּעציעלע זשורי האָט געפּסקנט: "ווער ס׳איז אזוי שיין — ווי אסתר המלכה...

ווען עלקעלע האָט געטון אן אנטבלויז איר לויטער פנים, האָבן אירע בלישטשענ-דיקע אויגן אזא בלענד געטון, ווי בורשטינענע געפּאסט אין זילבער. אירע צווי שווארצע צעפּ, פארדרייט אין ציגיינערישע ראָלקעס, האָבן זיך-געטון א צעכוואליע אויפן ווייסן דעקאָלט, ווי בלישטשענדיקער סאַמעט אויף קלאָרן אלבאסטער. אירע הויכע פּיס — די עלאסטישקייט פון א יונגן הירש, אירע הענט — געשניצטער העלפאנד-ביין...

נייך, נישט געווען קיין שום קאָנקורענטקע צו עלקעלע דעם בעדנערס אָרעמע מיידל... און זי איז טאקע געוואָרן די פּורים־מלכה פון שטעטל...

קוקט זי איצטער אין שפּיגל, עלקעלע, קוקט אויף איר האלב־וועלקנדיקער שיינ-קייט, און עס טויכן-אויף די שווערע, פאַרפּלאָנטערטע, פול מיט אראָפּ-און-ארויפיקע וועגן, וואָס זי איז זינט דעמאָלט שוין אדורכגעגאַנגען... אירע וואַנדערונגען און גילגולים, ביז איר מגולגל ווערן קיין בראַזיל. א לאַנגער און שווערער וועג געווען. לסוף דאָ חתונה געהאַט, רייך געוואָרן, רופט זיך דאָנא עלזאַ, האָט שוין א דערוואַקסענע טאָכטער, וואָס קלייבט זיך טאַקע אויך צו א פּורים־באַל...

איז אָט די דאָזיקע קלייבעניש, האָט דאָנא עלזאַן געבראַכט צו אירע איצטיקע מחשבות... דעמאָלט, איז איר ציגיינערישער טראַכט אויפגעשטעלט געוואָרן אין געציילטע שעהן, בעת דאָ האלט עס שוין אָן גוטע צוויי חדשים...

דאָנאַ עלזאַ ווייסט אז איר טעכטערל לאהלע, וואָס מען רופט דאָ "לינדינאַ" (שייג־הייט) איז שוין גאָרנישט אזא "לינדא"... די קליינע האָט גראָד געירשנט איר פּאָטערס וואָסערדיקע אייגעלעך, זיין לענגלעך-מאַנצביליש פּנים, טונקעלע האָר, שיטער און שטרויעדיק. אויך איר וואוקס איז געבליבן — נישט-אהין-נישט-אהער... הענט און פיס — קורצע און קרעפּקע. אויך איר טאַליע וואָלט געקאָנט זיין — מאָגערער...

דאָך האָבן טאַטע־מאַמע באַשלאָסן: — פּרוואון... — "ס'איז דאָך בראַזיל, אַנגעזעענע גבירים, וואוינען אין א פּאַלאַץ, און ס'טעכטערל, ווייסן זיי, חלומט אין דער שטיל... חלומט א מיידלישן חלום... חלשט צו ווערן די "אסתר-המלכה" פון דער קומענדיקער פּורים-ביילע"...

שמועסנדיק אזוי, שטילינקערהייט, צווישן זיך גערעדט, האָט דאָנא עלזא א שושקע-געטון איר מאַן אויפן אויער: — "פּעדראָ-לעבן, אפשר — רעזיגנירן?... ווייל, טאָמער נישט, און — ס'קינד קאָן זעך נאָך חלילה — שאַכטן"...

האָט סעניאָר פּעדראָ א גראָבלעכן לאַך־געטון, מיט דער איראָניע פון א מענטש, וואָס קען גוט דעם כוח פון עשירות, און א זאָג געטון: — גאַי שוין גאַי, שוטה, זעט ועך נישט דארפן שאַכטן, אז מ'עט גיט אַראָנלאַיגן, עט מע גיט — אראָסנעמע"...

קודם באַשטעלט ביי דער טייערסטער מאָדיסטין א קליידל פון פיינסטן לאַמעי־גאָלד. פונעם זעלבן שטאָף, באַשטעלט די שיכלעך, אויף העכסטע קלעצלעך און לענגסטע שפּיץ-נאָסקעס. אויך ס'טעשעלע, פון ריינעם גאָלד געפלאָכטן. אירע שטייפע האָר, ביים קינסטלער-פריזיר אנדולירט אזוי, אז ס'איז נישט געווען צום דערקענען די — "סטרונעס"... אין אירע קליינע אייגעלעך — טראָפּנס צום גלאַנצן, און צום פאַרגרעסערן...

אירע שיטערע ברעמען, אונטערגעטראסקעט מיט העלע-ליליא און טונקעלע זילבער-פארבן, וואָס איבעראַנדערשן ממש דאָס גאנצע פּנים... איר ביינערדיקע דעקאָלט, באַ-לייגט און באהאָנגען מיט בייטשלעך עכטע פערל־שטיינער... ס'לאנגע מענער־פּנים, אינעם גרעסטן שיינהייט-סאלאָן, אויסגעגלעט, אויסגעמאָלן, געמאכט פון א "דראַנ-ושעק" א שיינע ליאלקע...

פורים-אָוונט, אָנשטאָט א גליטשיק פרעסטל, א פּרעכטיק אויסגעשטערנטער הימל, די פולע לבנה, גלייך זי וואָלט אויך ערשט ארויס פון שיינהייט-סאלאָן — א "טאָק"...

דער סאלאָן פון "יוגנט-קלוב", מיט הונדערטער אבאזשורן, קאנדעליאברעס, פּראָ-ושעקטאָרן, ווארפן סנאָפּעס ליכטער, ווי קינסטלעכע זונען אויף דעקאָרירטע ווענט, די געשליפענע שפּיגלען פארטאָפּלען די שטראליקייט, פארלענגערן און פארברייטערן דעם אויסגעפוצטן סאלאָן. אן ערשטקלאסיקער אָרקעסטער צעלאָזט זיך אין "סאמבאס", וואלסן, "ראָק ענד ראָל"... יוגנט טאנצט, זינגט־מיט. דורך די ברייטע פענצטער צע־טראָגט זיך דאָס געזאנג איבערן גרויסן בלומענגאָרטן: — "מאמאי יוקערלי!... מאַמאַי יוקערלי!..." (מאמע, איך וויל).

לינדינא, אין איר אָנגעסטראָיעטן טראכט, הויך אויף די קלעצלעך... און "שלאנק" — פונעם קאָרסעט, דערשיינט מאיעסטעטיש מיט גראציע און — פּאָריע...

דאָנא עלזא, אין שווארצן סאמעט, גוט-פריזירטן קאָפּ, שמאָלער טאליע און פּרעכ-טיק-גרויסע אויגן — איז גאָר די אמתע קאָנקורענטקע...

סעניאָר פּעדרא, אין שווארצן פראק, פּאָמאדירטע האָר און צעצויגענעם פּנים — די אמתע קאָפּיע פון זיין טאָכטער...

לינדינאס דערשיינען רופט ארויס שטורמישע אָוואציעס... באָטש זי אליין זעט מען כמעט נישט ארויס, נאָר הויפנס גאָלד... גאָלד... און — גאָלד...

לינדינא ווערט גלייך איינגעלאַדן פון די רייכסטע און עלעגאנטסטע בחורים צום טאנצן... איר לאמעי-קלייד — אן אָנגעבלאָזענער באלאָן פון גאָלד. אירע שיכלעך — דאָס טעשל און ברייטע גאָלדענע בראסלעטן בליאסקען איבערן סאלאָן, ווי קינסטלעכע פייערן, דרייען זיך מיט, ווי גאָלדענע רעדער, שעמערירן, גלאנצן, בלענדן און — פאר-בלענדן...

די זשורי האָט זיך לאנג נישט פארזוימט, נישט געווען קיין צוויי באזונדערע מיי-נונגען, דער אורטייל איז געקומען גיך און קאָנקרעט:

סעניאָריטא לינדינא איז אויסגעוויילט אלס די פּורים-מלכה פון דער היינטיקער "ביילע"...

"הוראַ! הוראַ! בראַוואָ! און — בראַוואָ!"...

געגוי ווי דעמאָלט, ביי איר מוטער אין שטעטל.

צום אהיימגיין, האָבן טאטע־מאמע נאָך ווארעמער געפּירט זייער געקרוינטער קע־ניגין... מאַן און ווייב האָבן זיך שמחהדיק איבערגעקוקט. סעניאָר פּעדראָס אויגן האָבן געפייערט פון נצחון... און אינדערשטיל זיך געווענדט צום ווייב:

— "אַנו, האַ? עלקע-לעבן? וואָס זאָגסטו איצטער? האַ? זעט זעך טאקיש שאכטן?"...

★